בית חינוך לבנות בית פיגא ברסלב

# א גריס פון
# בית פיגא

פרשת בהר-בחקותי
כ"ו אייר תשפ"א
יאר 1 גליון 24

## מעשיות פון תפילה

### פרי 1 עי - פייגי שארף
איך האב געקאלירט א פעיפער, און איך האב געבעטן די אייבערשטער אז עס זאל אויסקומען שיין, און איך זאל גארנישט ארויסקאלירן, און ש'כח אייבערשטער אז עס איז אויסגעקומען הערליך!

### ערשטע קלאס - שיינדי יאקאבאוויטש
איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל האבן אן אפשערן פעקל פאר ריסעס, און ש'כח אייבערשטער אז מיין מאמע האט מיך געגעבן א גוטע פעקל!

### צווייטע קלאס - פערעלע לעזער
איך האב מיך צוקלאפט מיין קניען פון די פרידשדער, איך האב געבעטן די אייבערשטער אז עס זאל זיך שוין אויסהיילן, און ש'כח אייבערשטער אז די נעקסטע צופרי ווען איך האב אויפגעשטאנען איז עס שוין געווען אינגאנצן אויסגעהיילט!

### פערדע קלאס - לאה פייגי בלום
איך האב געדארפט א בוך פון די צימער ווי מיין בעיבי שוועסטער איז שוין געשלאפן, איך האב געבעטן די אייבערשטער אז זי זאל זיך נישט אויפוועקן, און ש'כח אייבערשטער אז זי האט זיך נישט אויפגעוועקט!

### עלטסטע קלאס - בלומי זעליקאוויטש
איך האב געוואלט טראגן אין סקול א באקס טישוס, איך האב אבער פארגעסן עס צו נעמען צו סקול. האב איך געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל עס געדענקען צו נעמען די נעקסטע טאג, און ש'כח אייבערשטער אז אויפן וועג ארויס האב איך מיך דערמאנט עס צו נעמען!

### בית פיגא ליבערטי - חי'לע היימליך
אונז זענען געווען שבת אין א האטעל, און אלע קינדער זענען געשלאפן אויף מאטראצן אויפן פלאר, און איך קען נישט אזוי גוט שלאפן אויף א מאטראץ. איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל שלאפן אויף א בעט, און ש'כח אייבערשטער אז איך בין געשלאפן אויף א גוטע בעט!

## נייעס אין בית פיגא

די וואך שבת וועט אי"ה פארקומען די דריטע שבת התוועדות פאר תלמידות בית פיגא! אלע מיידלעך גרייטן זיך שוין מיט פרייד און מיר קענען שוין קוים ווארטן! עס וועט אי"ה זיין א הערליכע שבת מיט א געשמאקע פראגראם און פיל סורפרייזעס.

די וואך איז די עלסטע קלאס געגאנגען צו די באזאר, וואו זיי האבן געקענט אהיימנעמען הערליכע, שיינע קליידער פאר ביליג. אין בית פיגא שעמען זיך נישט די מיידלעך צו גיין מיט גענוצטע קליידער, פארשטייט זיך נאר שיינע קליידער. אין בית פיגא לערנען אונזערע חשובע טיטשערס אויס אז נישט ווער עס גייט אנגעטון מיט טייערע קליידער איז א געלונגענע מיידל, נאר ווער עס האט גוטע מידות, און רעדט צו יעדעם שיין אזא מיידל איז א חשוב.

בית פיגא ליבערטי פרי 1 עי לערנט זיך שוין אויס אלע ניגונים פאר זייער גראדאעישין! זיי קענען עס שוין אזוי גוט, ווייל זיי זענען אזעלכע וואוילע מיידלעך און זיי פאלגן אזוי שיין זייער טיטשער!

# א בריוו פון דער ראש ישיבה שליט״א

בעזרת ה׳ יתברך,

יום א׳ פרשת ויחי, ו׳ טבת, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... תחי׳**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

איך האף אז איר זענט מקרב די מיידלעך וואס קיינער טראכט נישט פון זיי; למשל, ווען מען שמועסט זיך אפ מיט חבר׳טעס צו גיין איינקויפן (שאפינג) וכדומה, דארפט איר האלטן קאפ צו רופן די מיידלעך וועם קיינער רופט נישט וכו׳. אזוי אויך, ווען מען מאכט פארברענגענס, דארפט איר שטענדיג טראכטן פון די וואס קיינער טראכט נישט פון זיי.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (מדרש שמות רבה ב, ב-ג): ״ווען דוד המלך איז געווען א יונגער בחור איז ער געווען א פאסטוך, ער פלעגט שטענדיג אכטונג געבן אויף די שוואכע שעפעלעך און אויף די יונגע שעפעלעך זיי זאלן האבן וואס צו עסן. ער פלעגט קודם ארויסברענגען די קליינע שאף וואס זיי האבן נאך נישט קיין גרויסע ציינער און קענען נישט עסן פון אונטען נעבן דעם ווארצל וואו עס איז הארט, זיי האט ער קודם ארויסגענומען זיי זאלן אפעסן די ווייכע תבואה. נאכדעם האט ער געפענט די טיר פאר די מיטעלע שאף וואס האבן שוין גרעסער ציינער זיי זאלן עסן פון די מיטלסטע חלק פון די תבואה, נאכדעם האט ער ארויסגענומען די עלסטע שאף וואס האבן שוין גאר שארפע ציינער, זיי זאלן אויסרייסן ביז די ווארצלען; האט דער אייבערשטער געזאגט פאר דוד: ׳דוד, דו האסט רחמנות אויף שעפעלעך, דו ביסט ראוי צו זיין דער מנהיג ישראל׳, אזוי ווי עס שטייט (תהלים עח, עא): ״מֵאַחַר עָלוֹת הֱבִיאוֹ, לִרְעוֹת בְּיַעֲקֹב עַמּוֹ, וּבְיִשְׂרָאֵל נַחֲלָתוֹ״״.

זעט מען פון דעם אז מען דארף אכטונג געבן אויף די קליינע שוואכע מיידלעך וואס האבן נישט קיין חבר׳טעס וכו׳, און אויב מען איז זיי מקרב, מען האט רחמנות אויף זיי, האט דער אייבערשטער א נחת רוח, און ער נעמט דעם מענטש זאל העלפן אידישע קינדער.

איר קענט זיך נישט פארשטעלן וויפיל מיידלעך וויינען צאם שטילערהייט ווען קיינער זעט נישט, ווייל זיי האבן נישט קיינעם פאר א חבר׳טע. אסאך מאל שפילן זיי פון אינדרויסן כאילו זיי גייט גוט, אבער שטילערהייט זענען זיי זייער צעבראכן.

דערפאר בעט איך אייך, איר זאלט טראכטן פון די מיידלעך וואס קיינער קוקט נישט אויף זייער זייט, אסאך מאל מיט איין גוט ווארט קען מען זיך איינקויפן עולם הבא.

יואל רוטה

# א מעשה פון א צדיקת

אין די צייטן פון די שופטים איז געווען א פרוי א צדיקת, זי האט געהייסן דבורה הנביאה. דבורה איז א לשון פון דיבור-רעדן; זי איז געווארן א צדיקת ווייל זי האט אסאך גערעדט צו דער אייבערשטער. זי האט געפירט כלל ישראל, און אפילו מלחמה געהאלטן פאר די אידן קעגן סיסרא. אלע אידן זענען געקומען צו איר פרעגן שאלות. זי האט נישט געקענט אויפנעמען מענער ביי זיך אינדערהיים צילוב יחוד, איז זי געזעסן אינדרויסן אין פעלד אונטער א טייטלבוים, און ווער עס האט געהאט א שאלה איז איר געקומען פרעגן דארט אין פעלד.

אפשר וועלן ענק מיינען אז דבורה האט חתונה געהאט צו א גרויסע תלמיד חכם? אבער ניין, די צדיקת דבורה האט חתונה געהאט צו א פשוטע עם הארץ! איר מאן ברק, האט נישט געקענט לערנען, דאווענען, און ער האט אפילו נישט געקענט קיין עברי. זי איז אבער געווען זייער א קלוגע און ערליכע פרוי; אויף איר ווערט געזאגט די פסוק "חכמת נשים בנתה ביתה - א קלוגע פרוי בויעט אויף איר שטוב." זי וואלט געקענט בלאזן אז זי האט באקומען א מאן וואס קען נישט לערנען, אבער אנשטאטס דעם האט זי אים זייער שטארק ליב געהאט, און געטראכט א קלוגע וועג וויאזוי זי קען אים אויפבויען.

דבורה האט אים געפרעגט אויב ער קען מאכן די קנויטן פאר די בית המקדש, אבער אפילו דאס האט ער געזאגט אז ער קען נישט. האט זי אים געפרעגט, "אויב איך מאך די קנויטן, קענסטו עס טראגן צו די בית המקדש?" האט ער געענפערט אז יא. און אזוי האט זי טאקע געטון, זי האט געמאכט די קנויטן און ער האט עס געטראגן צו די בית המקדש.

דבורה האט געמאכט שיינע דיקע קנויטן, זי האט געוואלט יעדער זאל זען וואס פאר א שיינע קנויטן איר מאן ברענגט. און ווען מען האט געזען אז ער ברענגט שיינע גרויסע קנויטן האט מען אים אנגעהויבן רופן 'לפידות' וואס מיינט א פאקל. ער האט זוכה געווען דורך די מצוה צו באקומען עולם הבא, אלעס נאר דורך זיין קלוגע ווייב, וואס אנשטאט אים אראפצוקלאפן האט זי אים אויפגעהויבן.



פון אסאך גרויסע צדיקים ווייסט מען נישט, אבער ברק בן אבינועם ווערט אויסגערעכנט אין די תורה צווישן די צדיקים. וויאזוי האט ער זוכה געווען צו דעם? ווייל ער האט געהאט א קלוגע פרוי, וואס כאטש זי האט געהאט א מאן אן עם הארץ, האט זי האט אים אזוי אויפגעהויבן, און אים מחזק געווען ביז ער איז געווארן א צדיק.

ווער וויל נישט זיין ווי דבורה הנביאה, די צדיקת צו וועמען דער אייבערשטער האט זיך באוויזן, און וואס איר מאן איז אויך געווארן א צדיק? יעדע מיידל קען זוכה זיין צו די העכסטע מדריגות אויב וועט זי אסאך רעדן צו דער אייבערשטער. און יעדע פרוי וואס וועט קוקן נאר אויף די גוטס אין איר מאן, און אים נאר מחזק זיין און אויפבויען מיט גוטע ווערטער. וועט זוכה זיין אז איר מאן וועט ווערן א גרויסע צדיק!

# פון אונזערע לערערינס...

לכבוד מיין טייערע תלמידה... תחי'

דו האסט זייער שיין געשריבן אלע הלכות פון יחוד! איך זע אז דו פארשטייסט עס זייער גוט ב"ה, און עס איז זייער וויכטיגע הלכות צו וויסן פאר די לעבן.

איך האב זייער הנאה פון דיין שיינע דאווענען יעדן טאג, סיי ווען איך הער עס אליינס, און סיי ווען די אנדערע טיטשערס דערציילן מיר. אסאך מאל ביסטו ממש פון די איינציגסטע וואס דאווענען מיט א גאנצע צייט הויך, קומט אויס אז דו ביסט אזויווי דו חזנות יעדן טאג, האלט עס ווייטער אן!

אויך זע איך ווי דו ביסט אייביג גרייט צו העלפן, סיי ווען מען דארף הילף אין פרי-סקול, באס טיטשער, און אויך ווען א מיידל דארף א טובה טוסטו עס גערן!

בעט אסאך דער אייבערשטער אז דו זאלסט האבן א ווייכע שפראך און נאר זאגן זאכן וואס מאכן יענעם פילן גוט. ב"ה דו קענסט עס זייער גוט טון, דו געבסט שיינע קאמפלימענטס און מיידלעך לייכטן אויף, דו האסט געמאכט זייער טאג! דאס איז אזא שיינע מדה, און דאס זאלסטו ווייטער אייביג פרובירן צו טון, מאכן אנדערע מיידלעך פרייליך מיט גוטע ווערטער.

טראכט אייביג א סעקונדע פאר דו זאגסט עפעס, אויב וועט עס איר מאכן פרייליך, זאלסטו עס זאגן, און אויב ביסטו נישט זיכער, דעמאלטס בלייב ענדערש שטיל. למשל, דו ווילסט געבן א קאמפלימענט פאר א מיידל, "דיין שיך איז אזא אינטערעסאנטע סטייל, איך האב נאך קיינמאל נישט געזען אזעלכע אינטערעסאנטע שיך." קען זיין עס דארף צו זיין א קאמפלימענט, אבער די מיידל קען אפשר ווערן באליידיגט אז אירע שיך זענען אינטערסאנט.

ב"ה דו האסט אסאך שכל און דו נוצסט דיין גוטע קאפ פאר גוטע זאכן, פארשטייסטו שוין אליינס וואס יא צו זאגן און וואס נישט.

איך האלט זייער שטארק פון דיר! האלט ווייטער אן דיין דרך ארת'דיגע אויפפירונג.

מיט ליבשאפט,

## ספר המדות ווינקל

### אות בושה

**יא. כְּשֶׁבָּא עַל אָדָם אֵיזֶה בּוּשָׁה, יְצַפֶּה לִישׁוּעָה.**

ווען א מענטש ווערט פארשעמט, זאל ער האפן אויף א ישועה.

**א. מִי שֶׁמְּבַיֵּשׁ פְּנֵי חֲבֵרוֹ, נִתְאַלֵּם וְשׁוֹכֵחַ.**

ווער עס פארשעמט זיין חבר ווערט שטום און פארגעסט.



## RECIPE

### CHEESE CAKE

**Cheese:**

1 lb. farmer cheese

8 oz. sour cream

2 8oz. whipped cream cheese

6 eggs

1 ½ cup sugar

**Crust:**

2 cups Ostreicher cookies (blended)

1 stick butter



Preheat oven 350°

Crust: Divide in two 9" round pans 1 cup cookies and ½ stick butter in each. Put in oven till butter melts. Mix and flatten.

Batter: mix ingredients with hand blender. Divide into the pans. Bake on 350° For 1 hour.

נישט פארגעסן צו בעטן דער אייבערשטער עס זאל גוט געלונגען!



א גוט שבת!

זמן שבת: 7:43

זמן מוצש"ק: 9:12

קוואל פון חיזוק

212-444-9169

צוויי שלעסער אויפן מויל...

הערט א שיעור פון מרת לעזער

2,4,2,106